בס"ד

# גנבים עליך ישראל!!! - חשבון הנפש!!!

# הסופרים והקלף הפסול

## די גרעסטע קאטעסטראפע זייט די וועלט שטייט

הונדערטער אידען איבער די גאנצע וועלט שטייען גרייט ביי די בתי דינים צו רופן צו א דין תורה די סופרים וואס האבען אויסגענארט דעם עולם גולם וואס האבן זיך פארלאזט אויף די נאמנות פון די סופרים אז די תפילין ומזוזות זענען כשר למהדרין. [און צום סוף האבן זיי באקומען קלף אן א הכשר, ווער ווייסט אויב זיי זענען אפילו כשר בדיעבד?] אויף דעם סמך פון די גרויסע נאמנות האבן זיך די ערליכע אידן געלאזט באצאלן ביז די ריזיגע סומע פון 2000$ ביז 3000$ און נאך מער פאר א פאר תפילין, ווי מער ערליכער און חסידישער דער סופר איז אלס מער געלט האט ער געקענט ארויסבאקומען ביי די קונים.

שטעלט אייך פאר א טאטע וואס האט 12 קינדער האט ער געדארפט קויפן 24 פאר תפילין פאר אלע קינדער דאס מיינט רש"י מיט ר"ת. דאס מיינט צו זאגען אז די עלטערען האבן אויסגעגעבען פאר די תפילין בלויז 72.000$ - יעצט פאר די מזוזות האבן זיי געצאלט אן ערך פון 150.00 ביז 200.00$ פאר א מזוזה, לכל הפחות 13 מזוזות פאר יעדע דירה, קומט אויס 31.200.00$, דער סך הכל וואס א ערליכער איד האט באצאלט פאר די סופרים איז: אריבער 103.000.00$

## איז נאך דא א בעסערע ביזנעס ווי די תפילין ומזוזות?

**<u>איז דען א חידוש אז הונדערטער אידען שטייען אין די רייע צו גיין צו די דין תורה'ס זאלן צוריק באקומען די פאנטאסטישע סומעס, יעדער איינער אריבער 100 אלפים דאלער.</u>**

אבער אידישע קינדער האבן דאך א גרויסן לימוד זכות, ווען מיר גיבען א קוק אז אידישע קינדער וואס זענען געבענטשט מיט 12 קינדער און האבן קיום אויף צו עסען, פון דעסטוועגען דאך צאלען זיי אזעלעכע ריזגע סומעס אלס אז די קינדער זאלן האבען אמת'ע כשרע תפילין ומזוזות. אשרי חלקם שזכו לבזבז סכום גדול כזה על כשרות סת"ם, ובזכות זה נזכה לכתיבה וחתימה טובה בב"א.

***<u>איך וויל אייך פרעגען א שאלה פארוואס די זעלבע בתים מיט אלע הידורים עבודת יד קאסט אין בארא פארק ביי די ערליכע סופרים בלויז 700$ אבער אין הייליגן וויליאמסבורג אדער אין מאנראוי קאסט די זעלבע בתים 1.500.00$ - איז דאס נישט גניבה אז דווקא דארט וואס די משפחות ציילן זיך לערך 10 ביז 13 קינדער דארף מען טאקע הייבן די פרייז אויף ממש דאפעלט? – צום סוף ווערט גאר נתגלה אז די זעלבע בתים האבן די קלף אן א הכשר!!!</u>***

## חברה שומרים על ממון ישראל דוויליאמסבורג